שבת פרעשבורג
סמוך ונראה לציון המצוינת של מרן החתם סופר זי"ע
בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
• שב"ק משפטים (לס' ואל מש"ה אמר עלה) תשע"ו •
מסע נגידי ובוני בניני מוסדותינו הקדושים

# המסע

ערשטער נומער
שבת ויגש תשע"ו לפ"ק




**פאר וועלכע גבולין דקדושה זענען מיר עוסק?**
**צו וועלכע גבולין דקדושה טוען מיר פארן?**

**...די אידן דארט האבן זוכה געווען צו האבן אלס תורה-באלייכטער פון די אריות פון די גדולי הדורות. דאס האט זיך שוין אנגעהויבן פאר נאענט צו טויזענט יאר צוריק ...**

נאך א גאר באקאנטער רב פון פראנקפורט איז הרה"ק ר' פנחס הלוי איש הורוויץ זצוק"ל דער הייליגער בעל הפלאה זצוק"ל - דער ברודער פון הרה"ק ר"ר שמעלקע מניקלשבורג זצוק"ל - וועלכער איז פריער געווען רב אין פארשידענע שטעט אין פוילן און איבעראל געהאט גרויסע ישיבות מיט א סאך תלמידים. צווישן זיינע גרויסע תלמידים איז מרן רבן של ישראל בעל החתם סופר זי"ע.

אין יענע צייט האט אין פראנקפורט געוואוינט דער צדיק וקדוש ר' נתן אדלער זצוק"ל וועלכער האט געשטאמט פון ר' שמעון הדרשן בעל ילקוט שמעוני. ער האט געהערט שיעוריםביים פני י-הושע און ביי אנדערע גדולי עיר פראנקפורט.

ר' נתן אדלער האט געפירט דארט א גרויסע ישיבה און צו זיך צוגעצויגן די גרעסטע לומדים פון שטאט און פון אנדערע מקומות. צווישן זיי האט זיך אין אים מדבק געווען רבינו מרן החתם סופר זי"ע וועלכער האט געזאגט אויף זיין רבי'ן: 'מלאכי השרת לא מבינים את גדולתו'.

דאס אידישע פראנקפורט איז אדורך שרעקליכע גייסטישע און פיזישע ירידות, און איז געקומען צום קלימאקס ביי חורבן אייראפע בשעת'ן צווייטן וועלט קריג. אין די לעצטערע צייטן זענען אהין געקומען וואוינען אידן פון רוסלאנד. און היינט ציילט זיך די אידישע באפעלקערונג בערך 7,000 נפשות און עס שטייט צו דינסט פיר שוהלן.

פראנקפורט ליגט ביים טייך מיין און דערפאר ווערט עס אנגערופן פראנקפורט אם-מיין. אידן רופן עס אויך מיט די ר"ת פפד"מ און מיינען מיט דעם פראנקפורט דמיין. דארטן אויפ'ן אלטן בית החיים ליגט דער פני י-הושע, דער בעל הפלאה, ר' נתן אדלער, הרבנית ריזלא סופר די מאמע פון חתם סופר און נאך. דעם דאזיגן מקום וועט מען בעזר ה' פוקד זיין מיטוואך משפטים אינדערפרי, נאך תפילת שחרית אין דארטיגן גרויסן בית הכנסת.

[צווייטער קאפיטל 'ווארמייזא' און 'קראקא' וועט אי"ה נאכפאלגן.]

אין פראנקפורט איז אויך געווען רב אן אייניקל פון דעם של"ה, וועם מען האט גערופן ר' ישעי' הלוי השני. נאך אים איז געווען רב הרה"ק ר' שמואל בן ר' צבי פון קראקע זצוק"ל, וועלכער האט געשריבן דעם מסורת הש"ס נאכ'ן דורך לערנען גאנץ ש"ס נאענט פופציג מאל.

נאך זיין פטירה האט די פראנקפורטער קהלה אויסגעקליבן אלס רב הרה"ק ר' נפתלי כהן זצוק"ל, דער אייניקל פון מהר"ל מפראג. צווישן די ספרים וואס ער האט מחבר געווען איז גאר באקאנט דער ספר 'סמיכת חכמים'. ער איז געווען אנגעזען און אנגענומען אלס איינע פון די אויסגערופענע חכמי הדור.

יארן דערנאך האט די פראנקפורטער קהלה זוכה געווען צו האבן אלס רב אן אנדערן וועלט'ס גאון, הרה"ק ר' יעקב יהושע פאלק זצוק"ל דער מחבר פון ספר 'פני י-הושע'. בערך פאר צען יאר האט דער פני י-הושע משמש געווען ברבנות פראנקפורט און דארט אויך געפירט א גרויסע ישיבה. ער איז פאר א צייט אוועק צו דעם שכנות'דיגן שטאט אפענבאך, וואו ערב שב"ק י"ד שבט איז ער אוועק לגנזי מרומים און מוצש"ק קרוב צו חצות הלילה האט מען אים געברענגט קיין פראנקפורט און צומארגנס איז פארגעקומען די לוי' ושם מנוחתו כבוד.



# פאר וועלכע גבולין דקדושה זענען מיר עוסק?



# מיר ווילן פאר אונז בויען בניני תורה וחינוך

**אזוי** ווי מיר געפינען זיך ב״ה אין א תקופה פון התרחבות הגבולין דקהילתנו הקדושה וואס מען נעמט זיך אונטער בוי פראיעקטן איינס נאכ׳ן אנדערן, כדי צו קענען נאכקומען דעם כסדר׳דיגן וואוקס פון די קהלה און מוסדות.

**מאנסי:** האט מען איצט נארוואס אפגעקויפט א נייע בנין **ישיבה קטנה** וואס נויטיגט זיך אין א ברייטע רענאוואציע ארבעט וואו די תלמידי הישיבה וועלן קענען לערנען בהרחבת הדעת. ווי אויך האט מען געעפנט א נייע **מיידל שולע** וואס נויטיגט זיך אין א בנין. אין דעם בנין **התלמוד תורה** האט מען נארוואס געענדיגט די רענאוואציע ארבעט מיט׳ן צולייגן עטליכע קלאס צימערן צו אקאמאדירן די צופלוס פון פרישע תלמידי תשב״ר. ווי אויך האט מען איצט געענדיגט מיט די נויטיגע פערמיטן צו קענען אנהייבן די בוי ארבעט פאר **ביהמ״ד החדש ׳תפארת יהושע׳** דקהלתינו הק׳.

**מתיבתא:** די נארוואס פארגרעסערטע בנין **הישיבה קטנה** ווערט ענג צו אקאמאדירן די איבערפלוס פון תלמידים וואס זוכן אריינצוקומען במסגרת הישיבה. די ישיבה גדולה נויטיגט זיך אין א פרישע בנין אויף די קומענדיגע יאר. אין **מתיבתא קעמפ** איז מען אריין אין קאנטראקט צו צוקויפן די שטח נאך די נייע ישיבה גדולה בנין וואס עס איז נארוואס געענדיגט בויען.

**וויליאמסבורג:** דער נייער בנין **׳בית יעקב׳** א **$14,000,000** דאלארדיגען פראיעקט, פארענדיגט מען אט די פארהאנדלונגען מיט די באהערדע צו באקומען די נויטיגע פערמיטן, אנצופאנגן די בוי ארבעט. ווי אויך וועט מען בקרוב אונטערשרייבן קאנטראקט צו קויפן א שטח דערנעבן די נייע **מיידל קעמפ**.

**בארא פארק:** סיי ביי די **תלמוד תורה** און סיי ביי די **מיידל שולע** וואס איז נישט לאנג צוריק פארגרעסערט געווארן איז איבערגעפילט עד אפס מקום.

פארשטייט זיך אז דאס שלעפט אריין אין אומגעהויערע סכומים. אט פאר דעם, איז מוקדש דער דאזיגער מסע המרומם בראשות כ״ק מרן רבינו שליט״א, בעיר עתיקת יומין פרעשבורג, צו שאפן די נויטיגע סכומים וואס דערפון וועט מען תורם זיין פאר נייע בוי אונטערנעמונגן בתוככי קהלתינו בערי וויליאמסבורג, בארא פארק און מאנסי.

דאס איז דאך אונזער אלעמענס באגער צו קענען האבן אייגענע מוסדות צו קענען מחנך זיין אונזערע קינדער און קינדס קינדער לה׳ ולתורתו הק׳, על דרך המסורה לנו מרבותינו הקדושים, און צו דעם פעלט זיך אויס צו בויען בתי מדרשים, בתי תלמוד תורה, בתי חינוך לבנות. איז געוויס ערווארטעט אז יקירי אנשי שלומינו, הנדיבים והנכבדים שיחי׳, וועלן העלפן שאפן א סכום עצום מאד, מיט וועלכן מ׳זאל בע״ה קענען שטיין צו הילף פאר כל בנין ובנין.

מיר ווילן און מיר וועלן בויען אונזערע בניני תורה וחינוך!

## צו וועלכע גבולין דקדושה טוען מיר פארן?

# צוריק צו אונזער הייליגן עבר

## וואו מיר וועלן מתפלל זיין און פועל׳ן על קברי רבותינו ואבותינו

אריינפיר:

דא הייבן מיר אן א סעריע, וואו מיר וועלן בס״ד אראפברענגען באלערענדע און מערקווערדיגע שטריכן איבער די שטעט און שטעטלך וואו מ׳וועט זיך אפשטעלן און דערהויבן פארברענגען. דאס וועט אונז פון פאראויס געבן א קלארער בילד ׳וואו פארן מיר׳? און וועט גלייכצייטיג דינען פאר דברי הכנה צו אזא געהויבענע נסיעה וואס וועט בע״ה זיין באריכט מיט אן עושר רוחני, און אונז פאר די טעג אוועקפירן צו אן אטמאספערע וואס וועט אטעמען מיט׳ן הערליכן אור-אלטער אמאל.

• ערשטער קאפיטעל –



## פראנקפורט

צווישן די בארימטע היסטארישע און גרויסע קהילות אין אמאליגן אידישן איירופע, פארנעמט די אידישע פאנקפורט אן אויבן אן. זי איז פאר א צייט געווען די מפורסם׳דיגסטע שטאט צווישן אידן, א דאנק די גאוני ארץ ומצוקי תבל, די ראשונים כמלאכים וואס האבן באלאכטן די תורה וועלט, און וועמענס ספרים מ׳לערנט ביזן היינטיגן טאג.

באלד אין אנהייב ווען עס האט זיך דארט געשאפן א אידישער ישוב, – פאר העכער טויזענט יאר צוריק – איז ליידער פראנקפורט געפלאגט געווארן מיט יסורי הגלות. בערך א צוויי הונדערט אידן, א דריי פערטל יארן פון גאנצן ישוב, זענען ל״ע אומגעברענגט געווארן און אוועק על קידוש השם. שפעטער איז צוגעקומען ׳לייכטערע יסורים׳ מיט׳ן שאפונג פון א געטא, ווי מ׳האט עס גערופן ׳די יודען גאססע׳.

טראץ אלע באשרענקונגען פון דעם געטא, האט דער פראנקפורטער אידישער ישוב גענומען וואקסן בכמות, און נאכמער באיכות. די אידן דארט האבן זוכה געווען צו האבן אירע תורה-באלייכטער פון די אריות פון די גדולי הדוורת. דאס האט זיך שוין אנגעהויבן פאר נאענט צו טויזענט יאר צוריק ווען מ׳געפינט צווישן די גדולי פראנקפורט, הרה״ק רבי שמעון הדרשן דער בעל ׳ילקוט שמעוני׳ זצוק״ל.

יארן שפעטער איז באקאנט און בולט אנדערע גדולי ישראל. אין יאר ש״ע איז קיין פראנקפורט געקומען דער הייליגער של״ה, הרה״ק ר׳ ישעי׳ בן ר׳ אברהם הלוי הורוויץ זצוק״ל. דער של״ה האט פריער משמש געווען אין גרויסע אידישע קהלות ווי קראקע, און איז דעמאלטס שוין מפורסם געווען אין די גאנצע אידישע וועלט.

שפעטער געפינען מיר אלס רב זיין גרויסער זון הרה״ק ר׳ שבתי הלוי הורוויץ זצוק״ל. ווען ער האט אנגענומען דאס רבנות אין פראנקפורט האט ער אזוי געשריבן: **״עליתי אל ראש ההר ק״ק פראנקפורט עיר גדולה לאלקים בכל מדינות אשכנז. היא תל תלפיות, תל שהכל פונים אליה ושם בעלי התוספות היורדים בעמקה של הלכה״.** זיין ספר ׳ווי העמודים׳ איז ווי באקאנט געדרוקט געווארן אלס מבוא פון טאטנ׳ס ספר שני לוחות הברית.

איינע פון די ווייטערע גרויסע רבנים אין פראנקפורט איז געווען דער בארימטער גאון דער הייליגער מהר״ם שיף זצוק״ל. ער איז אליין א יליד פראנקפורט וואס שוין אין זיין פריסטער יוגנט האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע כשרונות. זייענדיג בלויז 17 יאר אלט האט די קהלה פון פולדא אים אויסגעקליבן אלס רב. פון דארט האט זיין נאמען געקלינגען אין די גאנצע אידישע וועלט, אזוי אז שפעטער האט אים פראנקפורט צוריקגעברענגט צו זיך אהיים.